# נאָטיצן

(שלוס פון עדיטאָריעל זייט)

אויסבאַהאַלטן די נייעס. זי האָט ווידער געלייקנט, אָבער דאָס מאָל האָט זי שוין ניט געזאָגט, אַז ער איז אין אַ פּריוואַטן קליניק, נאָר אין אַ שפּיטאָל אין באָסטאָן, וואָרהין ער איז געבראַכט געוואָרן אין אַ העליקאָפּטער פון סקאַרסדעיל, וועסטשעסטער. דאָנערשטיק פליט זי קיין באָסטאָן צו זיין מיט אים, ווייל יענעם טאָג וועט ער דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע אויפן האַרץ („אָפּען האַרט סוירדזשערי"). פאַרענדיקט האָט זי מיט אַ פאַרלאַנג איך זאָל זי „אויפהערן פייניקן". שפּעטער האָט זי טעלעפאָנירט צו יוסף מלאָטעק, בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, און אים געזאָגט, אַז אויב איך וועל די נייעס אַריינגעבן אין „פאָרווערטס", וועט זי אָנקלאָגן די צייטונג און מיך אין פאַרלוימדונג.

יענע נאַכט בין איך אינגאַנצן ניט געשלאָפן.

דינסטיק, 8 אין דער פרי בין איך געווען אין דער רעדאַקציע, גערעדט מיט דאָקטוירים, וועלכע האָבן געוואוסט אַלע פּרטים, אָבער וואָס זיי האָבן דערציילט מוז בלייבן קאָנפידענציעל. איין זאַך קען מען דערציילן. אַז אַמבולאַנס האָט געבראַכט גראַדע'ן אין אַ זייער שלעכטן צושטאַנד פרייטיק, 26 מינוט נאָך איינס ביינאַכט, וואָס אויפן קאַלענדאַר איז עס שבת פאַרטאָג. צוויי שעה מיט 54 מינוט שפּעטער איז ער אויסגעגאַנגען.

* * *

ס'איז געבליבן צוצוגעבן נאָך איין פאַקט: פאַרוואָס ס'איז קיין לוויה ניט געווען.

יענעם מיטוואָך אינדערפרי, ווען די נייעס וועגן גראַדע'ס פּטירה איז דערשינען אין „פאָרווערטס", האָט מרס. גראַדע גערופן עטלעכע מענטשן מיט אַן אָנבאָט זיי זאָלן מיט איר פאָרן קיין באָסטאָן, ווייל זי האָט אַן איבריקן בילעט. די מענטשן האָבן געמיינט, אַז עס איז טאַקע אַ רייזע קיין באָסטאָן, און אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט. צווישן די „פאַרבעטענע קיין באָסטאָן" זיינען געווען יוסף מלאָטעק, ש. מאַלץ, מאַשאַ בעניאַ, מאַטיס אַליצקי און שלמה קאַוואַרסקי.

אַנדערע האָט זי גערופן זיי זאָלן מיט איר פאָרן צום איינבינדער אויסקלייבן דעם קאָליר איינצובינדן גראַדע'ס צוויי אָפּגעדרוקטע ביכער. צווישן זיי איז געווען באַשע חפץ. די פרוי חפץ האָט אָנגענומען און אַזוי אַרום איז זי געווען די איינציקע פון זיי, וועמען מרס. גראַדע האָט גערופן, צו זיין אין דעם פיונעראַל טשעפּעל, וואו עס איז געשטאַנען דער אָפּענער אָרון מיט גראַדע'ס קערפּער אין אַ טלית אויפן רעקל מיט אַ העמד און אַ שניפּס. און זי איז אויך געווען אויפן בית עולם ביי דער קבורה, וואו אַ רב האָט געלייענט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים און געמאַכט אַ מלא.

אָט דאָס איז דער „סוד" פון דער ניט־פאַרגעקומענער לוויה פאַר דעם גרויסן אידישן פּאָעט אין דער גרעסטער אידישער שטאָט.


ישראל דאַרף אייער הילף!

קומט צ...
שט...
צו דעמאָנס...
זונטיק, אוי...
...rk Blvd. at Church
רעדנער: ...




**The first page of this document is a newspaper page with long columns. The columns on the right side of the page continue on to the columns on the left**